נתנדב לעילוי ולטובת נשמת הר"ר ישעיה ז"ל בן יבלחט"א הר"ר אהרן הכהן הי"ו

# זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ מִיטְ'ן פֵּירוּשׁ מָתוֹק מִדְּבַשׁ אוֹיף דִּי פַּרְשָׁה

אוֹיף אִידִישׁ

לוח עמוד היומי בזוה"ק לפרשת בחוקותי

חלק ו - פרשת משפטים

| יום | וילנא | מתוק מדבש |
|---|---|---|
| ראשון | קיב ע"ב | תקלה-תקמ |
| שני | קיג ע"א | תקמ-תקמו |
| שלישי | קיג ע"ב | תקמו-תקנב |
| רביעי | קיד ע"א | תקנב-תקנח |
| חמישי | קיד ע"ב | תקנח-תקסה |
| שישי | קטו ע"א | תקסה-תקעב |
| שב"ק | קטו ע"ב | תקעב-תקפ |

יו"ל בעזהשי"ת ע"י מרכז "מתוק מדבש" ת.ד. 5315 ירושלים

עלון מס' 84

פרשת בהר תשפ"ב

## תנאי לעבודת השי"ת, קבלת עול מלכות שמים

תָּא חֲזֵי, עֲבָדִין פְּטוּרִין מֵעוֹל מַלְכוּתָא דִּלְעֵילָּא בא וראה, כי עבדים פטורים מעול מלכות שלמעלה, שהוא מצות קריאת שמע, וְעַל דָּא פְּטוּרִין מִן הַמִּצְוֹת ועל כן הם פטורים גם מכמה מצות, כי בעל כרחו הוא מתבטל מכמה מצות לפי שהוא משועבד לרבו.

ושואל מַאי נקרא עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם, ומשיב אֶלָּא היינו כְּהַאי תּוֹרָא דְּיָהֲבִין עֲלֵיהּ עוֹל בְּקַדְמִיתָא כשור הזה שנותנים עליו עול לראשונה, בְּגִין לְאַפָּקָא מִנֵּיהּ טַב לְעָלְמָא כדי שיעבוד עמו ויוציא על ידו טוב לעולם, ובתחילה קשה עליו לקבל את העול, אבל וְאִי לָא קַבֵּיל עֲלֵיהּ הַהוּא עוֹל אם לא מקבל עליו עול הזה, לָא עָבִיד מִדִּי אינו יכול לעשות מאומה, הָכִי נָמֵי אִצְטְרִיךְ לֵיהּ לְבַר נָשׁ לְקַבְּלָא עֲלֵיהּ עוֹל בְּקַדְמִיתָא כמו כן צריך האדם תחילה לקבל עליו עול מלכות שמים, וּלְבָתַר דְּיִפְלַח בֵּיהּ בְּכָל מַה דְּאִצְטְרִיךְ ואחר כך יכול לעבוד להקב"ה בכל מה שצריך לעבוד, וְאִי לָא קַבֵּיל עֲלֵיהּ הַאי בְּקַדְמִיתָא ואם אינו מקבל עליו תחילה עול הזה, לָא יֵיכוּל לְמִפְלַח אינו יכול לעבוד להקב"ה. (דף קח ע"א, ובביאורינו כרך יא עמ' תרס-תרסא)

## לומדי התורה לשמה יבואו לא"י ע"י חיות המרכבה

בְּהַהוּא זִמְנָא בזמן הגאולה, פִּקּוּדָא יש מצוה לְתָקְעָא שׁוֹפַר תְּרוּעָה בְּיוֹבֵל, הֲדָא הוּא דִכְתִיב זהו שכתוב בגאולתן של ישראל כִּנְשֹׂא נֵס הָרִים תִּרְאוּ כמו שאדם רואה נשיאת הנס על ההרים, וְכִתְקֹעַ שׁוֹפָר תִּשְׁמָעוּ וכמו שישמע האדם תקיעת השופר, כן תראו ותשמעו את גאולתן של ישראל, והיינו כְּגַוְונָא דִבְתְקִיעַת שׁוֹפָר

אידיש

### דֶער תְּנַאי צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אִיז קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם

**קוּם** אוּן זֶע, אַז קְנֶעכְט זֶענֶען פָּטוּר פוּנֶעם עוֹל מַלְכוּת פוּן אוֹיבְן, וָואס דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן דֶערִיבֶּער זֶענֶען זֵיי פָּטוּר אוֹיךְ פוּן עֶטְלִיכֶע מִצְוֹת, וַוייל גֶעצְוואוּנְגֶענֶערְהֵייט וֶוערְט עֶר צוּשְׁטֶערְט פוּן פִילֶע מִצְוֹת וִוייבַּאלְד עֶר אִיז אוּנְטֶערְטֶענִיג צוּ זַיין הַאר.

**פְּרֶעגְט** דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם, עֶנְטְפֶערְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, נָאר, דָאס אִיז אַזוֹי וִוי דֶער אָקְס וָואס מֶען לֵייגְט אוֹיף אִים אַ יָאךְ אִין אָנְהֵייבּ, כְּדֵי עֶר זָאל אַרְבֶּעטְן דֶערְמִיט אוּן אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען גוּטְס אוֹיף דֶער וֶועלְט דוּרְךְ אִים, אוּן אִין אָנְהֵייבּ אִיז אִים שְׁוֶוער אָנְצוּנֶעמֶען דֶעם יָאךְ, אָבֶּער אוֹיבּ נֶעמְט עֶר נִישְׁט אוֹיף זִיךְ דֶעם יָאךְ, קֶען עֶר גָארְנִישְׁט טוּן, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ אִין אָנְהֵייבּ מְקַבֵּל זַיין אוֹיף זִיךְ עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם, אוּן דֶערְנָאךְ קֶען עֶר דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט אַלֶעם וָואס עֶר דַארְף אִים דִינֶען, אוּן אוֹיבּ נֶעמְט עֶר נִישְׁט אוֹיף זִיךְ דֶעם יָאךְ אִין אָנְהֵייבּ, קֶען עֶר נִישְׁט דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

### דִי וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה לִשְׁמָהּ, וֶועלְן קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דוּרְךְ דִי חַיּוֹת הַמֶּרְכָּבָה

**אִינְדֶערְצַייט** פוּן דִי גְאוּלָה, אִיז דָא אַ מִצְוָה צוּ בְּלָאזְן מִיט אַ שׁוֹפָר אוּם יוֹבֵל, דָאס אִיז וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, בַּיי דָאס אוֹיסְלֵייזוּנְג פוּן דִי אִידְן, "כִּנְשׂוֹא נֵס הָרִים תִּרְאוּ", אַזוֹי וִוי דֶער מֶענְטְשׁ זֶעט דָאס אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם פָּאן אִיבֶּער דִי בֶּערְג, "וְכִתְקוֹעַ שׁוֹפָר תִּשְׁמָעוּ", אוּן

**דְּיוֹבְלָא** כי כמו בתקיעת שופר של יובל, **כֻּלְּהוּ עַבְדִּין נָפְקֵי לְחֵירוּת** כל העבדים יוצאים לחירות, **הָכִי בְּפוּרְקָנָא בָּתְרַיְיתָא** כך יהיה בגאולה האחרונה, **בִּתְקִיעַת שׁוֹפָר מִתְכַּנְּשִׁין כָּל יִשְׂרָאֵל מֵאַרְבַּע סִטְרֵי עָלְמָא** בתקיעת שופר מתקבצים כל ישראל מארבע רוחות העולם, **דְּאִינּוּן עַבְדִּין דְּיוֹבְלָא** לפי שהם בחינת עבדים היוצאים לחירות ביובל, כלומר כמו שהעבדים יוצאים ביובל כששומעים תקיעת השופר, כן יצאו מן הגלות אלו שאינם בני תורה על ידי שמיעת קול שופר.

ומפרש **דְּמָארֵי תוֹרָה אִית בְּהוֹן עַבְדִּין עַל מְנָת לְקַבֵּל פְּרָס** כי בעלי התורה יש בהם עבדים העובדים על מנת לקבל פרס, והם יתקבצו ויבואו לארץ ישראל בדרך הטבע, **וְאִתְקְרִיאוּ עַבְדֵי מַלְכָּא וּמַטְרוֹנִיתָא** והם נקראים עבדים של המלך והמלכה שהם זעיר ונוקביה [בחינת קוב"ה ושכינתיה] **אֲבָל בְּנוֹי דְּמַלְכָּא קַדִּישָׁא** אבל אלו הנקראים בנים של מלך הקדוש, שיש להם נשמה מזעיר ונוקביה דאצילות, לא יצטרכו להתקבץ בדרך הטבע, אלא בהם יתקיים מה שכתוב **וָאֶשָּׂא אֶתְכֶם עַל כַּנְפֵי נְשָׁרִים וָאָבִיא אֶתְכֶם אֵלָי** דהיינו **דְּאִינּוּן גַּדְפֵּי חֵיוָון דְּמֶרְכַּבְתָּא** שהקב"ה ישלח להם חיות של המרכבה, והם יביאו אותם לארץ ישראל על כנפיהן בקלות כאילו היו רוכבים על עננים, ולא שיבאו כתות כתות בזמנים שונים, אלא ברגע שתהיה הגאולה יבאו אלו ואלו, אלא אלו יטרחו עצמם במשא הדרך, ואלו יבאו על עננים, כדרך שהיו בני ישראל והערב רב ביציאת מצרים, וטעם הדבר לפי שאלו הם בנים ואלו הם עבדים. (דף קט ע"א ברע"מ ובביאורינו כרך יא עמ' תרעב-תרעג)

## הלוים שלא נשתתפו בעגל, הפרידם הקב"ה לחלקו

**פִּקּוּדָא בָּתַר דָּא** המצוה שלאחר זו המצוה, היא **לָתֵת לַלְוִיִּם עָרִים לָשֶׁבֶת** כדי שיהיה להם ערים לעצמם, ולא יצטרכו להשתתף עם ישראל בעריהם, (ה"ג הרמ"ק) **בְּגִין דְּאִינּוּן לָא אִשְׁתַּתָּפוּ בָּעֶגְלָא** לפי שהם לא נשתתפו עם

### אידיש

אַזוי ווִי דֶער מֶענְטְש הֶערְט דָאס בְּלָאזְן פוּנֶעם שׁוֹפָר, אַזוי וֶועט אִיר זֶען און הֶערְן דָאס אויסְלֵייזוּנְג פוּן דִי אִידְן, דָאס הֵייסְט, אַז אַזוי ווִי דָאס שׁוֹפָר בְּלָאזְן פוּן יוֹבֵל, גֵייעֶן אַלֶע קְנֶעכְט אַרוֹיס פְרֵיי, אַזוי וֶועט אויךְ זַיין בַּיי דִי לֶעצְטֶע אויסְלֵייזוּנְג, אַז דוּרְכְן בְּלָאזְן שׁוֹפָר וֶועלְן זִיךְ אַלֶע אִידְן צוּזַאמְנֶעמֶען פוּן דִי פִיר עֶקְן וֶועלְט, וַוייל אויךְ זֵיי זֶענֶען אִין דִי בְּחִינָה פוּן קְנֶעכְט וָואס גֵייעֶן אַרוֹיס פְרֵיי אִין יוֹבֵל, דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן, אַזוי ווִי דִי קְנֶעכְט גֵייעֶן אַרוֹיס פְרֵיי אוּם יוֹבֵל וֶוען זֵיי הֶערְן דָאס שׁוֹפָר בְּלָאזְן, אַזוי אויךְ וֶועלְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת דִי וֶועלְכֶע זֶענֶען נִישְׁט בְּנֵי תוֹרָה, דוּרְכְן הֶערְן דֶעם קוֹל פוּנֶעם שׁוֹפָר.

**און** דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ עֶרְקְלֶערְט, וַוייל דִי בַּעֲלֵי הַתּוֹרָה הָאבְּן צְווִישְׁן זֵיי קְנֶעכְט וָואס זֵיי דִינֶען עַל מְנָת לְקַבֵּל פְּרָס, און זֵיי וֶועלְן זִיךְ צוּזַאמְנֶעמֶען און זֵיי וֶועלְן אָנְקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע, און זֵיי וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן עֲבָדִים פוּנֶעם מֶלֶךְ און פוּנֶעם מַלְכָּה וָואס זֵיי זֶענֶען זְעֵיר וְנוּקְבֵיהּ [בְּחִינַת קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ], אָבֶער דִי וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן קִינְדֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן קֶענִיג, וָואס זֵיי הָאבְּן אַ נְשָׁמָה פוּן זְעֵיר וְנוּקְבֵיהּ פוּן בְּחִינַת אֲצִילוּת, זֵיי וֶועלְן נִישְׁט דַארְפְן צוּזַאמְגֶעקְלִיבְּן וֶוערְן בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע, נָאר עֶס וֶועט מְקוּיָם וֶוערְן אִין זֵיי דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וָאֶשָּׂא אֶתְכֶם עַל כַּנְפֵי נְשָׁרִים וָאָבִיא אֶתְכֶם אֵלָי", און אִיךְ וֶועל אַייךְ טְרָאגְן אִיבֶּער פְלִיגְלֶען פוּן אָדְלֶער און אִיךְ וֶועל אַייךְ בְּרֶענְגֶען צוּ מִיר, דָאס מֵיינְט אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט שִׁיקְן צוּ זֵיי חַיוֹת פוּנֶעם מֶרְכָּבָה, און זֵיי וֶועלְן זֵיי בְּרֶענְגֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אויף זֵייעֶרֶע פְלִיגְלֶען גְרִינְגֶערְהֵייט, אַזוי ווִי זֵיי וָואלְטְן גֶערִיטְן אויף וָואלְקֶענֶעס, און נִישְׁט אַז זֵיי וֶועלְן קוּמֶען גְרוּפֶּעסְוַויז אִין פַארְשִׁידֶענֶע צַייטְן, נָאר אִינֶעם רֶגַע וָואס דִי גְאוּלָה וֶועט זַיין וֶועלְן אַלֶע אָנְקוּמֶען, נָאר, דִי וָואס זֶענֶען אִין דִי בְּחִינָה פוּן קְנֶעכְט וֶועלְן זִיךְ מוּטְשֶׁען מִיטְן לַאסְט פוּנֶעם וֶועג, און דִי וָואס זֶענֶען אִין דִי בְּחִינָה פוּן קִינְדֶער וֶועלְן קוּמֶען אִיבֶּער דִי וָואלְקֶענֶעס, אַזוי ווִי עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי אִידְן און דִי עֵרֶב רַב אַרוֹיסְגֵייעֶנְדִיג פוּן מִצְרַיִם, און דֶער טַעַם פוּן דִי זַאךְ אִיז, וִוייבַּאלְד אַז דִי זֶענֶען קִינְדֶער און דִי זֶענֶען קְנֶעכְט.

### דִי לְוִיִּם וָואס הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט בַּאטֵיילִיגְט אִין דֶער עֵגֶל, הָאט זֵיי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אָפְּגֶעשֵׁיידְט פַאר זַיין טֵייל

**דִי** קוּמֶענְדִיגֶע מִצְוָה אִיז, צוּ גֶעבְּן פַאר דִי לְוִיִּם שְׁטֶעט צוּ וואוינֶען, כְּדֵי זֵיי זָאלְן הָאבְּן שְׁטֶעט פַאר זִיךְ אַלֵיין, און זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן בַּאטֵיילִיגְן מִיט דִי אִידְן אִין

ישראל בעשיית העגל במדבר, ולכן **קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חֲלַק לוֹן לְגַבֵּיהּ** הקב"ה חלק והפריד אותם ולקחם לחלקו, **לְמֶהֱוֵי מְנַגְּנִין לֵיהּ בְּכַמָּה מִינֵי נִגּוּן** שיהיו שרים ומזמרים לו בכמה מיני שירות ותשבחות בבית המקדש, ואם תאמר הלא כהנים גם כן לא נשתתפו עם ישראל במעשה העגל, אם כן למה לא יהיו הכהנים והלוים יחד, (שהרי מצינו נוב עיר הכהנים, שהיו להם עיירות לבדם), לזה אמר ששם הטעם **דְּכַהֲנִים בַּעֲבוֹדָתָן** לפי שיש להם עבודה לפני קונם לעצמם, **וּלְוִיִּים** עבודתם **בְּשִׁירָה וּבְזִמְרָה** (ה"ג הרמ"ק והלאה) אבל ישראל אין להם לא זה ולא זה, אלא **וְיִשְׂרָאֵל בְּנֵוְיהֶם** כלומר שאינם עולים לירושלים בכ"ד משמרות (אלא ישראל במעמדם היו מתפללים בעיריהם שהקרבנות יתקבלו ברצון), אם כן ראוי שיהיו אלו לעצמם ואלו לעצמם לפי מעלתם בעבודה. (דף קט ע"א ברע"מ, ובביאורינו כרך יא עמ' תרעג-תרעד)

## ד' בחינות בלומדי התורה כנגד ארבעה העולמות

**הָכִי בְּאוֹרַיְיתָא** כן יש בלומדי התורה כמה בחינות כנגד ארבעה עולמות אצילות בריאה יצירה עשיה, **פְּשָׁטִי"ם** מי שמפרש את התורה כפשוטו, הוא מצד עולם העשיה, **רְאָיוֹ"ת** מי שמביא ראיה ממקום אחר על פירושו, הוא מצד עולם היצירה, **דְּרָשׁוֹ"ת** מי שדורש את התורה בשלש עשרה מדות שהתורה נדרשת בהם, הוא מצד עולם הבריאה, **סוֹדוֹ"ת דְּסִתְרֵי תוֹרָה** מי שדורש את התורה על דרך הסוד, דהיינו סתרי תורה, הוא מצד המלכות של עולם האצילות, **וּלְעֵילָּא סִתְרֵי סְתָרִים לַיהו"ה** ולמעלה ממנה יש מי שדורש את התורה בסתרי הסתרים לה', הוא מצד תפארת דאצילות.

**הָכִי בְּקָרְבָּנִין** כך יש בקרבנות כמה בחינות, כפי האדם המקריב את הקרבן, כי אי אפשר לאדם לייחד ולקשר את כל העולמות והפרצופים אלא כפי בחינת נפשו, ואין לאדם נפש אלא כפי מעשיו, וכן אין קרבנותיו ותפלותיו ומצותיו עולים יותר למעלה מערכו, ומפרש **אַף עַל גַּב דְּקָרְבָּנִין כֻּלְּהוּ לַיהו"ה** אף על פי שכל הקרבנות צריך להעלות לה', דהיינו שצריך לכוין לייחד את הפרצופים העליונים על ידי הקרבנות שמקריב, עם כל זה **אִיהוּ נָטִיל כֹּלָּא** הקב"ה לוקח

אידיש

זייערע שטעט, וויבאלד זיי האבן נישט אנטיילגענומען מיט די אידן אינעם מאכן דעם עגל אין דער מדבר, און דעריבער האט דער אויבערשטער זיי אפגעטיילט און אפגעשיידט און האט זיי גענומען פאר זיין טייל, אז זיי זאלן זינגען און שפילן פאר אים מיט עטליכע סארטן געזאנגען און לויב אינעם בית המקדש, און אויב וועסטו פרעגן, די כהנים האבן דאך אויך נישט אנטיילגענומען מיט די אידן אינעם מעשה העגל, אויב אזוי פארוואס זאלן נישט זיין די כהנים און די לוים צוזאמען (אזוי ווי מיר געפינען די שטאט נוב עיר הכהנים, זעען מיר אז זיי האבן געהאט באזונדערע שטעט), דעריבער זאגט דער זוהר הקדוש, אז דארט איז דער טעם, וויבאלד זיי האבן א באזונדערע עבודה פארן אויבערשטן, און די עבודה פון די לוים איז מיט זינגען און שפילן, אבער די ישראלים האבן נישט דאס און נישט דאס, נאר וישראל בנויהם, דאס מיינט אז זיי גייען נישט ארויף קיין ירושלים מיט די פיר און צוואנציג משמרות, נאר זיי האבן מתפלל געווען אין זייערע שטעט אז די קרבנות זאלן אנגענומען ווערן ברצון, אויב אזוי איז פאסיג אז זיי זאלן זיין באזונדער און זיי זאלן זיין באזונדער לויט זייער שטאנד אין די עבודה.

### פיר ערליי בחינות אין די לומדי התורה, אנטקעגן די פיר עולמות

**אזוי** איז אויך דא אין די לומדי התורה עטליכע בחינות, אנטקעגן די פיר עולמות, אצילות בריאה יצירה און עשיה, פשטים, דער וואס ערקלערט די תורה כפשוטו, דער איז מצד דער עולם העשיה, ראיות, דער וואס ברענגט א באווייז אויף זיין פירוש פון אן אנדער ארט, דער איז מצד עולם היצירה, דרשות, דער וואס דרש'נט די תורה מיט די דרייצן מדות וואס די תורה ווערט גע'דרש'נט דורך זיי, דער איז מצד עולם הבריאה, סודות, ווער עס דרש'נט די תורה על דרך הסוד, דאס מיינט מען סתרי תורה, דער איז מצד המלכות פון עולם האצילות, און נאך העכער דערפון איז דער וואס דרש'נט די תורה מיט די גאר באהאלטענע סתרים פארן אויבערשטן, דער איז מצד תפארת דאצילות.

**אזוי** אויך אין די קרבנות איז דא עטליכע בחינות, לויט דער מענטש וואס איז מקריב דעם קרבן, ווייל עס איז נישט פארן מענטש צו פאראייניגן און מקשר זיין אלע עולמות און פרצופים נאר לויט די בחינה פון זיין זעל, און

את כל ההשפעות של הקרבנות, **וּפָלִיג קָרְבָּנִין לְמַשִּׁירְיָין דִּילֵיהּ** ומחלק משפע הקרבנות למחנות המלאכים שלו, והיינו מקרבנות הצדיקים, כי הכל מתחלק כפי ערך ומהות המקריב. (דף קי ע"א ברע"מ ובביאורינו כרך יא עמ' תרפח)

## מעלות ומדרגות במביאי הקרבנות

יש שעולים יותר, ולא נמסר קרבנם לשום מלאך, וזה שאמר **קָרְבָּנִין דְּתַלְמִידֵי חֲכָמִים מָארֵי מִדּוֹת** הקרבנות של תלמידי החכמים שהם בעלי מדות, **אִלֵּין מָארֵי רָזֵי דְּאוֹרַיְיתָא** הם אלו הלומדים סודות התורה, **וְסִתְרִין גְּנִיזִין** וסתרים הגנוזים בתורה, שנשמתם היא מספירות דעולם האצילות, דהיינו חסידים הם מחסד, וגבורים המתגברים על יצרם הם מגבורה וכדומה, **דִּבְהוֹן קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא נָחִית הוּא בְּגַרְמֵיהּ לְקַבְּלָא קָרְבָּנִין דִּלְהוֹן** שבשביל עבודתם יורד הקב"ה בעצמו לקבל את קרבנם ותפלתם ומעשיהם הטובים, כי הם מעלין ההתעוררות מלמטה למלכות דאצילות, **דְּאִיהִי תּוֹרַת יהו"ה תְּמִימָה** שהיא תורת ה' תמימה, והיינו **שְׁכִינְתָּא קַדִּישָׁא מֵעֶשֶׂר מִדּוֹת** השכינה הקדושה הכלולה מעשר ספירות, והם הגורמים יחוד עליון למעלה באצילות.

**וְתַלְמִידֵי דְּרַבָּנָן** ותלמידי הרבנים יש בתורתם בחינות שונות, **אִינּוּן מִלִּין דִּלְהוֹן כַּאֲכִילַת שְׁיָרֵי מְנָחוֹת** יש תלמידים שדברי התורה שלהם נחשבים כאכילת שירי המנחות, והם אותם התלמידים שאינם יכולים לחדש חידושי תורה אלא נושאים ונותנים במה שחידש להם רבם, והם מצד עולם הבריאה, **וְאִית אָחֳרָנִין דְּמִתְגַּבְּרִין עֲלַיְיהוּ** ויש תלמידי חכמים אחרים שמתגברים עליהם, **דְּאוֹרַיְיתָא דִּלְהוֹן כַּאֲכִילַת מְנָחוֹת עַצְמָן** שדברי התורה שלהם נחשב כאכילת המנחות בעצמם, **וְלָא שְׁיָרֵי מְנָחוֹת** ולא רק כשירי המנחות, והם אותם התלמידי חכמים המחדשים חידושי תורה משכלם, **וְאִית אָחֳרָנִין דְּאוֹרַיְיתָא דִּלְהוֹן אֲכִילַת קֳדָשִׁים** ויש תלמידי חכמים אחרים שהתורה שלהם נחשב כאכילת קדשים, **מַאֲכָלִים מִכַּמָּה מִינִין לְמַלְכָּא** והם מכינים למלך מאכלים טובים מכמה

## אידיש

דֶער מֶענְטְש הָאט נָאר אַ זֶעל לויט זַיינֶע מַעֲשִׂים, און אַזוי אויךְ טוּעֶן זַיינֶע קָרְבָּנוֹת, תְּפִלּוֹת און מִצְוֹת נִישְׁט אַרויפְגֵיין הֶעכֶער ווי זַיין שְׁטַאנְד, עֶרְקְלֶערְט דֶער זוהַר הַקָּדוֹשׁ, כָאטְש בַּיי אַלֶע קָרְבָּנוֹת דַארְף מֶען עֶס מַעֲלֶה זַיין צוּם אויבֶערְשְׁטְן, דָאס מֵיינְט אַז מֶען דַארְף אִינְזִינֶען הָאבְּן צוּ מְיַחֵד זַיין דִי פַּרְצוּפִים הָעֶלְיוֹנִים דוּרְךְ דִי קָרְבָּנוֹת וָואס עֶר אִיז מַקְרִיב, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן נֶעמְט דֶער אויבֶערְשְׁטֶער אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת פוּן דִי קָרְבָּנוֹת, און עֶר טֵיילְט פוּן דֶער שֶׁפַע פוּן דִי קָרְבָּנוֹת פַאר זַיינֶע מַחֲנוֹת מַלְאָכִים, און דָאס מֵיינְט, פוּן דִי קָרְבָּנוֹת פוּן דִי צַדִּיקִים, וַוייל אַלֶעס וֶוערְט צוּטֵיילְט לויטְן שְׁטַאנְד און דֶעם וֶועזְן פוּן דֶער וָואס בְּרֶענְגְט דֶעם קָרְבָּן.

### מַעֲלוֹת און מַדְרֵגוֹת בַּיי דִי וָואס הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט דִי קָרְבָּנוֹת

**עֶס** זֶענֶען דָא וָואס גֵייעֶן אַרויף הֶעכֶער, און זֵייעֶר קָרְבָּן וֶוערְט נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר קַיין שׁוּם מַלְאָךְ, און דָאס אִיז וָואס דֶער זוהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט וַוייטֶער, דִי קָרְבָּנוֹת פוּן דִי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וָואס זֵיי זֶענֶען בַּעֲלֵי מִדּוֹת, זֵיי זֶענֶען דִי וָואס לֶערְנֶען דִי סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, און דִי סְתָרִים וָואס זֶענֶען בַּאהַאלְטְן אִין דִי תּוֹרָה, וָואס זֵייעֶר נְשָׁמָה אִיז פוּן דִי סְפִירוֹת פוּנֶעם עוֹלָם הָאֲצִילוּת, דָאס מֵיינְט אַז דִי חֲסִידִים זֶענֶען פוּן דִי בְּחִינָה פוּן חֶסֶד, און דִי גִּבּוֹרִים וָואס שְׁטַארְקְן זִיךְ אויף זֵייעֶר יֵצֶר זֶענֶען פוּן דִי בְּחִינָה פוּן גְּבוּרָה, און דָאס גְּלַייכְן, וָואס צוּלִיבּ זֵייעֶר עֲבוֹדָה טוּט דֶער אויבֶערְשְׁטֶער אַלֵיין אַרָאפְּנִידֶערְן אויפְצוּנֶעמֶען זֵייעֶר קָרְבָּן און זֵייעֶר תְּפִלָּה און זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים, וַוייל זֵיי בְּרֶענְגֶען אַרויף דִי הִתְעוֹרְרוּת פוּן אוּנְטְן צוּ דִי בְּחִינָה פוּן מַלְכוּת דַּאֲצִילוּת, וָואס דָאס אִיז "תּוֹרַת ה' תְּמִימָה", דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אויבֶערְשְׁטְן אִיז גַאנְץ, דָאס מֵיינְט מֶען דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה וָואס זִי טוּט עֶנְטְהַאלְטְן דִי צֶען סְפִירוֹת, און זֵיי טוּעֶן צוּבְּרֶענְגֶען יִחוּד עֶלְיוֹן אויבְן אִין דִי אֲצִילוּת.

**און** דִי תַּלְמִידִים פוּן דִי רַבָּנִים אִיז דָא אִין זֵייעֶר תּוֹרָה פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְלֵיי בְּחִינוֹת, עֶס זֶענֶען דָא תַּלְמִידִים וָואס זֵייעֶרֶע דִּבְרֵי תּוֹרָה וֶוערְט גֶערֶעכְנְט אַזוי ווִי עֶסְן דִי שְׁיָרֵי הַמְּנָחוֹת, און זֵיי זֶענֶען דִי תַּלְמִידִים וָואס זֵיי קֶענֶען נִישְׁט מְחַדֵּשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, נָאר זֵיי טוּעֶן דוּרְכְרֶעדְן דָאס וָואס זֵייעֶר רַבִּי הָאט זֵיי מְחַדֵּשׁ גֶעוֶועזְן, און זֵיי זֶענֶען מִצַּד עוֹלָם הַבְּרִיאָה, און עֶס זֶענֶען דָא אַנְדֶערֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וָואס שְׁטַארְקְן זִיךְ אויף זֵיי, וָואס זֵייעֶר דִּבְרֵי תּוֹרָה וֶוערְט גֶערֶעכְנְט אַזוי ווִי דָאס עֶסְן דִי מְנָחוֹת אַלֵיין, און נִישְׁט בְּלוֹיז אַזוי ווִי שְׁיָרֵי מְנָחוֹת, און זֵיי זֶענֶען דִי תַּלְמִידֵי

מינים, הם אותם העוסקים בסודות התורה, והם מצד עולם האצילות, **וְכָל מְנָחוֹת דְּמַאֲכָלִין דְּקָרְבָּנִין** וכל המנחות, וכן המאכלים של הקרבנות, **מָנֵי קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לְקָרְבָא לֵיהּ כֻּלְּהוּ בְּבֵיתָא דִּילֵיהּ דְּאִיהוּ שְׁכִינְתָּא** צוה הקב״ה להקריב את כולם בבית שלו שהוא השכינה, כי היא עולה על ידי הקרבנות ומעלה אותם בסוד מ״ן [דהיינו ההתעוררות מלמטה].

**וְהַאי אִיהוּ פִּקּוּדָא לְקָרְבָא קָרְבָּנוֹת בְּבֵית הַבְּחִירָה** וזהו המצוה להקריב קרבנות בבית הבחירה, דהיינו לייחד את שם הוי״ה ולהביאו אל השכינה הנקראת בית, **לְקַיֵּים** מה שכתוב **כִּי אִם בְּזֹאת יִ׳תְהַלֵּל הַ׳מִּתְהַלֵּל** הַ׳שכל וְ׳ידוע אותי, שהר״ת הוא השם יהו״ה, וכתוב אחריו ״כי אני״ שהוא המלכות שהיא השם אדנ״י, שצריכים לייחדו עם השם הוי״ה. (דף קי ע״א ברע״מ ובביאורינו כרך יא עמ׳ תרפט-תרצ)

## אידיש

חֲכָמִים וָואס זֶענֶען מְחַדֵּשׁ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה פוּן זֵייעֶר שֵׂכֶל, אוּן עֶס זֶענֶען דָא אַנְדֶערֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וָואס זֵייעֶר תּוֹרָה וֶוערְט גֶערֶעכְנְט אַזוֹי ווִי עֶסְן קָדָשִׁים, אוּן זֵיי גְּרֵייטְן צוּ פַאר קֶענִיג גוּטֶע עֶסְן פוּן עֶטְלִיכֶע סָארְטְן, זֵיי זֶענֶען דִי וָואס בַּאשֶׁעפְטִיגְן זִיךְ אִין דִי סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, אוּן זֵיי זֶענֶען מִצַּד עוֹלָם הָאֲצִילוּת, אוּן אַלֶע מְנָחוֹת, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי עֶסְנְווַארְג פוּן דִי קָרְבָּנוֹת, הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בַּאפוֹילְן אַז מֶען זָאל זֵיי אַלֶע מַקְרִיב זַיין אִין זַיין הוֹיז, וָואס דָאס אִיז דִי שְׁכִינָה, וַוייל זִי גֵייט אַרוֹיף דוּרְךְ דִי קָרְבָּנוֹת, אוּן בְּרֶענְגְט זֵיי אַרוֹיף אִינֶעם סוֹד פוּן מ״ן [דָאס מֵיינְט אַ הִתְעוֹרְרוּת פוּן אוּנְטְן].

**אוּן** דָאס אִיז דִי מִצְוָה צוּ מַקְרִיב זַיין קָרְבָּנוֹת אִינֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דָאס מֵיינְט, אַז מֶען זָאל מְיַחֵד זַיין דֶעם שֵׁם הֲוָיָ״ה אוּן אִים בְּרֶענְגֶען צוּ דִי שְׁכִינָה וָואס זִי וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן בַּיִת, מְקַיֵּם צוּ זַיין דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק ״כִּי אִם בְּזֹאת יִתְהַלֵּל הַמִּתְהַלֵּל וְיָדוֹעַ אוֹתִי״, נָאר מִיט דֶעם קֶען זִיךְ לוֹיבְּן דֶער וָואס וִויל זִיךְ לוֹיבְּן, מִיטְן מִיר פַארְשְׁטֵיין אוּן מִיר אַנֶערְקֶענֶען, וָואס דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת דֶערְפוּן אִיז דֶער שֵׁם הֲוָיָ״ה, אוּן דֶערְנָאךְ שְׁטֵייט ״כִּי אֲנִי״ וָואס דָאס אִיז דִי בְּחִינָה פוּן מַלְכוּת וָואס דָאס אִיז דֶער שֵׁם אֲדֹנָ״י, וָואס מֶען דַארְף עֶס מְיַחֵד זַיין מִיטְן שֵׁם הֲוָיָ״ה.

## שבח דא שירתא

**דֶער רַבִּי רַבִּי בָּרוּכְ׳ל מֶעזְשִׁיבּוּזְשֶׁער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ גֶעפִּירְט יֶעדְן יָאר אִינֶעם טָאג לַ״ג בָּעוֹמֶר, צוּ מַאכְן אַ סִיּוּם פוּן דִי סִפְרֵי הַזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ, אוּן נָאכְן סִיּוּם הָאט עֶר גֶענוּמֶען דֶעם סֵפֶר הַזֹּהַר אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע הֶענְט אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעטַאנְצְט עֶטְלִיכֶע שָׁעוֹת, אוּן נָאךְ דִי הֵיילִיגֶע טֶענְץ פוּנֶעם שִׂמְחָה פוּנֶעם טָאג אוּן פוּנֶעם שִׂמְחָה פוּן דִי תּוֹרָה, הָאט עֶר גֶעקוּשְׁט דֶעם סֵפֶר הַזֹּהַר אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: אִיךְ קֶען דִיךְ אוּן דוּ קֶענְסְט מִיךְ.**

(הריא״ז מרגליות בשם הרה״ק מבארנוב)

מִנְהַג יִשְׂרָאֵל תּוֹרָה, אָנְצוּצִינְדְן לִיכְט אוּן בַּאלַייכְטוּנְגֶען אִין דֶעם טָאג, לְכָבוֹד דֶעם גוּטְן לִיכְטִיגְקַייט וָואס הֵייבְּט אָן שַׁיינֶען אִין אָט דֶעם טֵייעֶרְן טָאג ל״ג בָּעוֹמֶר, טו״ב (זִיבְּעצְן) טֶעג פַאר מַתַּן תּוֹרָה, אוּן לְכָבוֹד דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם מְאוֹר הַתּוֹרָה בּוֹצִינָא קַדִּישָׁא, וָואס עֶר אִיז אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארְן אִין דֶעם טָאג, אוּן אִין דֶעם טָאג אִיז עֶר אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי הוֹיכֶע הִימְלֶען אוּן דָאס אִיז דֶער טָאג פוּן זַיין הִלּוּלָא, צוּ זַיין לִיכְטִיגְקַייט וֶועלְן מִיר פָארְן אוּן גֵיין, לְכָבוֹד זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר דֶער זוהַר וָואס לַייכְט אוּן שַׁיינְט פוּן אֵיין עֶק וֶועלְט בִּיזְן אַנְדֶערְן עֶק, אוּן עֶר בַּאלַייכְט פַאר אוּנְז אִין אוּנְזֶער גָּלוּת בִּיז מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט קוּמֶען וְכוּ׳ אוּן לוֹיט דֶעם וֶועסְטוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס וָואס אִיז אוּנְז קְלָאר גֶעוָוארְן פוּן אַנְשֵׁי אֱמֶת, אַז דִי פְרֵייד וָואס אִיז דָא אִין דֶעם טָאג אִיבֶּערְן צִיּוּן פוּן רַשְׁבִּ״י אִיז נִישְׁט לוֹיטְן טֶבַע, וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוֹר צַדִּיקִים יִשְׂמָח.

(**בני יששכר** מאמרי חודש אייר מאמר ג׳)


סעיף ל״ג בעומר תשפ״ב





הַזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ ע״פ "מָתוֹק מִדְּבָשׁ" הפירוש הנפלא שהתקבל בכל תפוצות ישראל


קלענערע סעט – מהדורת ר׳ הערשל וועבער
(In 7/5)


גרויסע סעט (In 9.5/6.5)

"ובלכתך בדרך"
פארמאט
70 כרכים
מהדורת ר׳ יוסף
צבי בערגער
(6.5/4.5 In)


פאר דעליוועריז רופט:
845.664.5168